# צום פינטל

גליון סא
פרשת שמות תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

**הפותח ביתו לחבירו**

**מסירת מודעא: מ'קומט נישט זאגן פשט אין משה רבינו, מ'קומט נאר זעהן אונזער וועלט, וויאזוי עס שיינט פון די פסוקי התורה.**

### ◆ נפשו הוא חייב לו

'הפותח ביתו לחבירו, נפשו הוא חייב לו' (מדרש רבה פרשה ד פסקה ב, וכן בתנחומא). משה רבינו וויל נישט גיין אויסלייזן די יודן, ער קען אבער נישט, ער איז שולדיג פאר יתרו 'הכרת הטוב', יתרו האט געפענט פאר אים זיין טיר, יתרו האט אים אריינגענומען ווי א זון, זיין נפש זאגט אים אז ס'איז נישט מעגליך אוועק צו גיין פון יתרו, 'נפשו הוא חייב לו', איך בין שולדיג פאר יתרו מיין לעבן, ווי קען איך אוועקגיין פון אים.

די לומדים זענען מסביר אז 'הכרת הטוב' איז נישט נאר א גוטע מידה, 'הכרת הטוב' איז א עכטע שעבוד, 'נפשו הוא חייב לו', ס'איז א עכטע חיוב. אזוווי ווען ראובן בארגט פאר שמעון געלט איז דאס א עכטע שעבוד, שמעון איז מחויב און משעבוד צוריק צו צאלן פאר ראובן, די זעלבע זאך ווען ראובן האט געטון א טובה פאר שמעון, איז שמעון מחויב צוריק צו צאלן פאר ראובן א 'הכרת הטוב'.

א מענטש ווען ער טוט א טובה פאר א צווייטן, וויל ער צוריק באקומען א 'הכרת הטוב', ער וויל געבן און משפיע זיין חסד, אבער נאר אויב ער באקומט צוריק פאר דעם הכרה, ער איז גרייט צו זיין א געבער אויב ער ווערט ווערן 'עפרישעדיט', קיינער וויל נישט טון א טובה ווען מ'ווייסט אז מ'גייט צוריק באקומען פארדעם א שטויס, און ס'איז נישט דא קיין מצוה צו טון חסד מיט א מענטש וואס געט צוריק א שטויס, ס'איז א נישט דערהערטע זאך, צו טון חסד אויף צוריק צו באקומען א שטויס (חוץ פון א מורא'דיגע דרגא פון 'חסד של אמת').

און דאס איז דער 'חיוב' 'מכיר טובה' צו זיין, היות דער 'בעל חסד' האט עס נאר געטון על דעת צוריק צו באקומען א 'הכרת הטוב', איז אויב מען איז עס נישט מכיר, איז דאס א משהו מעין גניבה. און דאס האט נישט צו טון ווי א אויסגעארבעטער יוד מ'איז, אפילו א יוד וואס טוט עס באמת נאר לשם שמים, נאך אלץ טוט ער עס לפי די פשוטע צורה אז יענער גייט צוריק 'מכיר טובה' זיין, וואס דאס מאכט עס כמעט ווי א ממונות'דיגע 'חיוב' צו 'מכיר טוב' זיין.

די מצוות שבין אדם לחבירו גייען צו נאטורליך, איינער איז משפיע חסד און דער צווייטער איז מכיר טוב אין דעם, דאס איז די פשוטע צורה פון חסד, און

> **'הכרת הטוב' איז נישט נאר א גוטע מידה, 'הכרת הטוב' איז א עכטע שעבוד, 'נפשו הוא חייב לו', ס'איז א עכטע חיוב**

דאס איז אויך די פשוטע סיבה פארוואס מענטשן טוען חסד איינער פארן צווייטן, און דאס איז אויך די תורה'דיגע סיבה. ס'זאל זיין חסד און אהבה צווישן יודן, איינער זאל געבן חסד און דער צווייטער זאל דאס 'מכיר טובה' זיין און בלייבן קאנעקטעס צו די געבער.

'הכרת הטוב' קען מען נישט מאנען אין בית דין, ער האט נישט געמאכט קיין בפירוש'ע 'תנאי', אז ער טוט עס נאר אויב ער וועט באקומען 'הכרת הטוב'. אויך האט נישט 'הכרת הטוב' א 'דעיט' ביז ווען מכיר טובה צו זיין, און דער מענטש קען אלעמאל זאגן אז ער האפט נאך 'מכיר טובה' צו זיין בעתיד, ממילא איז נישט שייך דאס צו מאנען.

אויך פאסט בכלל נישט אזא זאך אז מ'צווינגט יענעם 'מכיר טובה' צו זיין, דער מהות פון 'הכרת הטוב' איז יענער דארף דאס אליינס מכיר זיין, ס'איז נאר שייך אויב דאס איז ברצון הלב, געצווינגענערהייט גייט בכלל נישט אריין אין די גדר פון 'הכרת הטוב'. אבער אפילו מ'קען עס נישט מאנען ביים בית דין, איז דאס אבער א געהעריגע 'חיוב' וואס ליגט אויפן מענטש, יעדער מענטש האט א חיוב גמור 'מכיר טובה' צו זיין.

### ◆ הכרת הטוב כטבע בנפש

'הכרת הטוב' איז א טבע אינעם 'נפש האדם', דער 'נפש האדם' האט נישט קיין מנוחה ווילאנג ער צאלט נישט צוריק, נאר נישט אלעמאל אנערקענט ער אז יענער האט אים געטון א טובה, צומאל האלט ער אז יענער דארף אים גאר מכיר טובה זיין, אבער אויב דער מענטש אנערקענט אז מ'האט אים געטון א טובה, דאן פילט ער א נאטורליכע 'שעבוד' צוריק צו געבן.

ס'איז שווער צו אנערקענען, ס'איז אסאך גרינגער צו זיין א 'כפוי טובה' און פארדעקן, ס'פארלאנגט זיך פארדעם אסאך 'עבודת המידות', אבער די רגע מ'אנערקענט עס, פילט דער מענטש א נאטורליכע שעבוד אויף צוריק, נאטורליך זוכט דער מענטש ווי קען איך יענעם עפעס צוריק טון א טובה, ער פילט זיך שולדיג ווילאנג ער צאלט נישט יענעם עפעס צוריק.

די ספרים זאגן אז 'הכרת הטוב' איז אין כלל פון 'דרך ארץ קדמה לתורה', ווי מ'זעט אין פרשת יתרו ווי שטארק משה רבינו האט מכבד געווען יתרו אלץ 'הכרת הטוב', און דאס איז נאך געווען פאר מתן תורה (למ"ד יתרו קודם מתן תורה בא), צו לערנען אז 'הכרת הטוב' איז פשוט מענטשליכקייט, ס'איז פאר אלעס. און מ'טרעפט עטליכע מאל אז די תורה פארלאנגט אפילו פון די גוים די מידה פון 'הכרת הטוב', 'הכרת הטוב' איז א נארמאלע מענטשליכע זאך, וואס ווערט פארלאנגט פון יעדן איינעם אלץ מענטש אויס, נישט קיין חילוק צו די ביסט א יוד אדער נישט, אויב די ביסט א מענטש דארפסטו האבן 'הכרת הטוב' (היה תביעה על עמון ומואב שלא הכירו טובה על לוט).

אין חז"ל זעט מען גאר גרויסע מדריגות

המשך בעמוד הבא

פון 'הכרת הטוב', אפילו פאר א 'דומם' דארף מען האבן 'הכרת הטוב', ווי די גמרא זאגט אין בבא קמא (צ"ב ע"ב) 'בירא דשתית מיניה, לא תשדי ביה קלא', דער גריב וואס די האסט געטרונקן פון אים, זאלסטו נישט ארייןווארפן אין אים א שטיין, און ווי מ'זעט אין אונזערע פרשיות אז משה האט נישט געקענט טון די מכות פון וואסער און פון ערד, ווייל ער איז גראטעוועט געווארן דורך זיי.

נאך א גרעסערע מדריגה איז דא אז אז אפילו איינער וואס האט אינזינען געהאט פאר זיך אליינס, נאכאלץ איז דא א ענין פון הכרת הטוב (עי' ברכות סג עב יתרו שלא קרב למשה אלא לכבוד עצמו), וואס ווי פארשטייט זיך אז דאס איז אלץ גרויסע מדרגות אין די מידה פון הכרת הטוב, אבער אונז רעדן דא היינט פון די 'חיוב' פון 'הכרת הטוב', וואס דאס איז די פשוטע הכרת הטוב צווישן מענטשן, אז איינער טוט גוטס פארן צווייטן, איז די פשוטקייט פון דעם אויף צוריק צו באקומען 'הכרת הטוב', און אויף דעם איז דא א חיוב ממש צוריק צו געבן הכרה.

## ◆ זמן פרעון ביי הכרת הטוב

'הכרת הטוב' למעשה איז א שווערע זאך, אויב ס'איז ממש א 'חיוב' מכיר טובה צו זיין, קומט אויס אז יעדער יוד איז א 'בעל חוב' פאר האלב שטאט. ווען א מענטש איז שולדיג 'געלט' פאר א האלב שטאט, איז דאס זייער א שווערע זאך, איז וויאזוי פארשטייט מען ביי 'הכרת הטוב', וויאזוי לעבט מען מיט א חובות געפיל פאר א האלב שטאט, יעדער האט דאך הנאה פון פארשידענע מענטשן, און ס'קומט אויס אז מ'איז א 'בעל חוב' פאר האלב שטאט.

ווען א מענטש איז שולדיג געלט פאר מענטשן און ס'איז שוין אנגעקומען די 'זמן הפרעון', דאן איז עס טאקע זייער שווער, א מענטש קען נישט איבער טראגן אזא 'עול' פון חובות ווען ער דארף אלעמען באצאלן היינט, אבער טאמער איז נאכנישט אנגעקומען די 'זמן הפרעון' איז עס אסאך לייכטער. ער ווייסט פארוועם ער איז שולדיג, ער לייקנט נישט גארנישט, און ער האפט אז בעתיד וועלן זאכן בעסער ווערן און ער וועט קענען יעדעם צוריק באצאלן אין די ריכטיגע צייט.

ביי 'הכרת הטוב' איז דא א 'הכרה' אויפן פלאץ, ער באדאנקט זיך שיין פאר יענעם, צומאל באדאנקט ער זיך שטארק, אבער דער עיקר 'הכרת הטוב' איז א לעבנס געפיל, ער האפט און ער קוקט ארויס אז דער אייבישטער זאל אים געבן די זכיה צו קענען 'מכיר טוב' זיין, ווי ס'איז דא אסאך מעשיות פון ערליכע יודן וואס האבן מכיר טוב געווען יארן שפעטער, דאס איז די ריכטיגע הרגשה ביי 'הכרת הטוב' אז מ'בלייבט אלעמאל קאנעקטעט מיט דעם וואס האט דיר מטיב געווען, און מ'קוקט ארויס ווען צוריק צו צאלן.

אויב מ'איז צו שטארק 'מכיר טובה' אויפן פלאץ, קוקט עס אויס ווי מ'האט נישט קיין כח צו טראגן דעם עול פון 'הכרת הטוב', מ'וויל באצאלן און זיך אפ'פטר'ן, מ'וויל שוין האבן יוצא געווען. דאס איז נישט די ריכטיגע הרגש פון 'הכרת הטוב', די ריכטיגע הרגש איז דוקא אז מ'בלייבט מיט א קנייטש אין הארץ צו יענעם, מ'קוקט ארויס ס'זאל עפעס אונטער קומען צו קענען יענעם צוריק באצאלן, מ'ווארט ארויס אויף די ריכטיגע צייט, ווען מ'וועט קענען ארויס ווייזן פאר יענעם 'איך בין דא פאר דיר', די ביסט געווען פאר מיר, יעצט בין איך דא פאר דיר.

## ◆ משיב רעה תחת טובה

די בעלי מוסר זאגן אז א מענטש האט נישט קיין 'הכרת הטוב', קומט אנשטאט דעם ארויס 'כפיית טובה', דער מענטש וועט ווערן א 'כפוי טובה' כדי זיך צו פטר'ן פון די נאטורליכע תביעה פון 'הכרת הטוב', אויב ארבעט מען נישט אויף זיך מכיר צו זיין אין די אמת, מ'לאזט נישט ארויסקומען די נאטורליכע אמת און די נאטורליכע 'הכרה' אז יענער האט מיר געגעבן, וועט אנשטאט דעם ארויסקומען 'כפיית טובה', און צומאל גייט עס אויף אזוי ווייט צו ווערן א 'משיב רעה תחת טובה', פשוט פון פארלוירנקייט צו פארדעקן די געפיל פון 'הכרת הטוב'.

דער ערשטער יסוד פון 'הכרת הטוב' איז אכטונג צו געבן נישט טון קיין שלעכטס, ס'זאל נישט ארויסקומען פון דיר קיין שום שלעכטס פאר דער וואס האט דיר געטון גוטס, די צוריק טון גוטס דאס איז שוין די נעקסטע דרגא, קודם זיי 'מכיר טובה', געב אים נישט א שטויס צו פארדעקן די גוטס. געב אים רואיגקייט אז ער האט א ידיד, ער האט א מענטש וואס וויל בטובתו, לויף נישט יענעם 'מכיר טוב' זיין אויפן פלאץ, ער וועט בעסער הנאה האבן אז די וועסט בלייבן זיין 'ידיד', און אויף א לאנגע צייט וועסטו בלייבן מיט די געפיל אז די קוקסט ארויס אים מכיר טובה צו זיין, דאס גופא איז די שטערקסטע 'הכרת הטוב' וואס מ'קען געבן.

## ◆ א נקודה פון הכרת הטוב

אין 'הכרת הטוב' איז דא דרגות אויף דרגות, אין די פסוקים אליינס זעט מען גאר גרויסע דרגות, 'לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו', אפילו דער 'מצרי' האט דיך געפייניגט, אבער די חלק וואס די האסט הנאה געהאט פון אים טאָרסטו נישט פארלייקענען, די ערשטע צוויי דורות טארן זיי נישט קומען בקהל ה', טאקע ווייל זיי האבן דיך גוט געפייניגט, אבער דער דריטער דור מוזטו זיי שוין יא לאזן ארייןקומען בקהל ה', די טארסט זיי נישט 'מתעב' זיין אונגאנצן.

די מעגסט פיינט האבן דעם מצרי, די דארפסט אים אוועק שטופן פון די יודישע סאָסייעטי - פון די יודישע קהילות, פאר צוויי דורות, אבער דער משהו 'הכרת הטוב' וואס קומט זיך אים, דאס טארסטו נישט פארלייקענען, די טארסט נישט פארלייקענען דאס משהו וואס די האסט יא הנאה געהאט פון אים, און וועגען דעם מוזטו אים ארייןלאזן נאך צוויי דורות. (יתכן שאין שום חיוב 'הכרת הטוב' להדייטשן ימ"ש אפילו על המשהו שנתנו לאכול בלאגיר, כיון שתכליתם היה כלייה לישראל, ולא שייך להכיר טובה את מי שרצה לכלותו על משהו אוכל שנתנו לו ביני ביני, בין המות לחיים, ולכן מסתבר דהם יותר בכלל העמלקים, והבן).

ס'איז זייער שווער פאר א מענטש צו שאצן ווי סאך 'הכרת הטוב' ער קומט פארן צווייטן, אבער איין זאך קען מען טון, מ'קען לאזן די נפש אפען און נאטורליך. דיין עבודה איז אז די גוטס וואס יענער האט דיך געטון זאל נישט פארדעקט ווערן, צו ס'איז אסאך גוטס אדער ס'איז ווייניג, דער עיקר ס'זאל בלייבן אפען ביי דיר אין נפש, און פון זיך אליינס וועט שוין די נפש פילן ווי סאך ער איז משעבוד, ווי סאך הכרת הטוב ער דארף געבן.

ווייל ווי יעדער פארשטייט אז פארן מצרי דארף איך נישט האבן די זעלבע דרגא פון הכרת הטוב, ווי פאר א יוד וואס האט מיך געטון א טובה, און אזוי ווייטער, און דאס צו פילן ריכטיג דארף מען לאזן דער נפש זאל מכיר טוב זיין מיט א אפענקייט, אים לאזן ארויסגעבן די הכרת הטוב און די שעבוד וואס ער פילט.

אסאך מאל מאכט זיך אז מ'איז 'מכיר טוב' פאר א צווייטן, אבער פון די אנדער זייט האט מען טענות אויף יענעם, למשל א בעל הבית מיט זיינע ארבעטערס, די

המשך בעמוד האחרון

## כבד פה וכבד לשון

משה רבינו איז געווען א 'כבד פה' און א 'כבד לשון', די ווערטער זענען אים שווער ארויסגעקומען פון מויל. ס'איז דא מענטשן וואס ס'גיסט זיך פון זיי, זיי עפענען די מויל און ס'פאנגט אָן צו גיסען ווי פון א קראַן, און ס'איז דא מענטשן וואס יעדעס ווארט איז א אפקומעניש, יעדעס ווארט קומט זיי ארויס שווער. אויך ביים שרייבן איז דא די צוויי מענטשן, ס'איז דא וואס זעצן זיך צום שרייב טישל און די ווערטער גליטשן זיך אויפן פאפיר, און ס'איז דא וואס יעדעס ווארט קאסט זיי, יעדעס ווארט איז א מצב פאר זיך, ס'גוסט זיך נישט קיין ווערטער.

משה רבינו רעדט זיך אָפּ פארן אייבירשטן ווי קען איך זיין א 'נביא', איך האב טאקע א גוטע תוכן, איך ברענג דעם דבר ה', אבער איך האבן נישט דעם 'כח הדיבור', א 'נביא' דארף דאך האבן אויך א כח הדיבור, האט אים דער אייבישטער געזאגט נישט געזארגט איך וועל זיין מיט דיר, איך וועל דיר געבן די כח הדיבור, נאך א זאך האט אים דער אייבישטער געזאגט אז 'אהרן אחיך יהיה נביאך', אהרן וועט זיין דיין מליץ, אהרן וועט זיין דיין מתורגמן, ער וועט איבער געבן דיינע ווערטער פארן פאלק אויף א געשמאקע און הארציגע וועג.

## א גוטע תוכן און א גוטע שפראך

א מענטש וואס איז מעורר אנדערע מענטשן - ער רעדט שרייבט און זאגט דרשות - דארף האבן צוויי כוחות, ער דארף האבן א גוטער 'תוכן', און ער דארף עס קענען גוט אראפלייגען אז די שומעים זאלן עס וועלן הערן, די תוכן איז א כח פון דעת און חכמה, און אז די שומעים זאלן עס וועלן הערן, דארף ער זיך האבן א גוטע שפראך, א כח פון מליצה ושיר וואס זאל מעורר זיין די הרגשים פון די שומעים.

אויך 'נביאים' דארפן האבן די ביידע כוחות, זייער 'תוכן' איז געווען גאר א חשובע תוכן, די דבר ה', אבער צו דעם האבן זיי אויך געדארפט האבן די כח פון מליצה ושיר, כדי מעורר צו זיין כלל ישראל, 'נביא' טייטשט 'א ברענגער', ער ברענגט די דבר ה' (רש"פ בחכמת שלמה ערך בא), און 'נביא' טייטשט אויך א 'מליץ', ווי דער תרגום זאגט אויף 'נביא' איז דאס מיינט א 'מתורגמן' און א 'מליץ', די צוויי כוחות דארף יעדער נביא האבן. און אזוי זעט מען טאקע אין אלע נביאים אין תנ"ך ווי ס'לויפט אויף די צוויי זאכן, די דבר ה' אין די לשונות פון מליצה ושיר.

אין די צייטן פון חז"ל איז געווען א זאך וואס האט געהייסן א 'מתורגמן', דער 'תלמיד חכם' האט גע'דרש'נט, און דער 'מתורגמן' האט עס מסביר געווען פארן עולם, דער 'תלמיד חכם' האט געהאט די דעת און די חכמה, און דער 'מתורגמן' האט געהאט דעם חוש צו רעדן און אויפוועקן די הערצער, וואס דאס איז אויך די דאזיגע צוויי כוחות א גוטע תוכן און א גוטע שפראך.

## והוריתך אשר תדבר

דאס איז נאטורליך, אבער מ'טרעפט א חידוש ביי די נביאים, אז אפילו ס'האט זיי געפעלט די צווייטע כוח, זיי האבן נישט געהאט א גוטע שפראך, אבער דער אייבישטער איז געווען מיט זיי און ער האט זיי געהאלפן כביכול משלים זיין די חלק, אזוי מ'זעט ביי משה רבינו, און אויך ביי ירמיה הנביא, ווי מ'לייענט די וואך אין די הפטרה, אז ירמיה הנביא האט זיך אפגערעדט אז ער האט נישט די כח הדיבור, און דער אייבישטער האט אים געזאגט 'איך וועל זיין מיט דיר', איך וועל דיר געבן די כח הדיבור וואס א 'נביא' דארף צו האבן.

'מי שם פה לאדם, או מי ישום אלם, או חרש, או פקח או עור' (שמות ד יא), דער אייבישטער זאגט ביי מיר איז אלעס גלייך, דער וואס קען יא רעדן און דער וואס קען נישט רעדן, דער וואס קען יא זען און דער וואס קען נישט זען, אלע זענען ביי מיר איינ"ג, אלעס איז בידי זאגט דער אייבירשטער, איך קען איבער דרייען דיין מויל יא צו קענען רעדן.

ס'ווערט פארציילט אויף אסאך צדיקים אז זיי האבן געזאגט אז זיי האבן נישט די כח הדיבור, זיי באלאנגען מער צו די כח הדעת און נישט צו די כח הדיבור, אויפן בעל שם טוב ווערט געברענגט אז ער האט געזאגט אויב וואלט איך געהאט די 'כח הדיבור' וואלט איך פארפלייצט די וועלט מיט תורה, אז ס'וואלט נישט מעגליך געווען נישט צו ווערן נתעורר.

אזוויי מ'האט פריער געשמועסט, אז אויסער די תוכן דארף מען אויך האבן א כח הדיבור מעורר צו זיין די הערצער, און נישט אלע צדיקים האבן דאס געהאט, אבער דער אייבישטער האט זיי געגעבן א הימלישע כוח מעורר צו זיין אזוויי מ'זעט דא ביי משה רבינו, דער אייבישטער אליינס כביכול האט זיי געגעבן א כח הדיבור מעורר צו זיין כלל ישראל.

> **'נביאים' דארפן האבן ביידע כוחות, זייער 'תוכן' איז גאר א חשובע תוכן, די דבר ה' וואס זיי געבן איבער, און צו דעם האבן זיי אויך געדארפט האבן א גוטע שפראך**

## פה ולשון

'כבד פה וכבד לשון', וואס איז 'כבד פה' און וואס איז 'כבד לשון', 'כבד פה' איז אז די מויל איז שווער, און 'כבד לשון' איז אז די 'שפראך' איז שווער, די 'וויקעבילערי' פון ווערטער, און די צוזאם שטעל פון ווערטער, די כח פון רעדן און זאגן אותיות און דיבורים, איז אין די גאנצע מויל, און די כח פון זאגן א גאנצע סענטנס געשמאק, דאס איז מער אינעם צינג. די מויל איז מער די כללות'דיגע כח פון רעדן, און די צינג ברענגט עס ארויס שטערקער צו פרטים און פרטי פרטים, ביז ס'שטעלט זיך צוזאמען א גאנצע שפראך (באור שמות הנרדפים שבתנ"ך אות ל' ערך לשון פה שפה, עי"ש מה שמאריך לחלק בין ג' לשונות אלו).

ווי פליסיג א שפראך זאל זיין, איז געוואנדן אין די צוויי, אין די מויל און אין די צינג, אויב די מויל און די צינג ריקען זיך פליסיג און געשמאק, דאַן קומען די ווערטער ארויס פליסיג און געשמאק, אבער אויב די מויל און די צינג ריקען זיך שווער, דאן קומען די ווערטער ארויס שווער.

די פסוק זאגט 'והוריתך אשר תדבר', די שורש פון די כבידות אין די מויל איז בעצם אין קאפ, דאס וואס די ווערטער קומען נישט אריין אין קאפ גענוג שנעל, זיי קומען נישט אריין אין קאפ גענוג פליסיג, דאס איז גורם א כבידות אויף די מויל און די צינג (ס'איז דא עקסערסייזעס אויף דעם, אז די ווערטער זאלן שנעלער און פליסיגער אריינקומען אין קאפ). דער אייבירשטער זאגט פאר משה רבינו איך וועל דער ארויסהעלפן מיט די ווערטער, איך וועל דיר אריינגעבן די פאסיגע ווערטער אין קאפ וואס צו זאגן, אזוי וועלן די ווערטער אויך שנעלער און בעסער ארויסקומען פון די מויל.

## עניו מכל האדם

משה רבינו איז געווען דער 'עניו מכל האדם', פון ווי האט משה

המשך בעמוד הבא

# ענינים



רבינו געהאט אזא כח ענוה, דער כתב סופר זאגט אז דאס איז פון דעם וואס ער איז געווען א 'כבד פה' און א 'כבד לשון', ער זאגט א פלא'דיגע זאך אז משה רבינו האט געקענט בעטן דעם אייבירשטן אים אויסצוהיילן, דער אייבישטער וואלט אים זוכער צוגעהערט, אבער משה רבינו האט ספעשיל נישט געוואלט, ער האט געוואלט בלייבן מיט די חסרון וואס האט אים געברענגט די מידה פון 'ענוה' מיט אזא טיפקייט.

וואס דאס איז גאר א טיפע און באלערנדע זאך וואס יעדער יוד דארף זיך לערנען פון משה רבינו אונזער רבי, ווי שטארק מ'דארף מחשיב זיין א מום און א חסרון וואס מ'האט, פארוואס, ווייל דאס ברענגט דיך צו ענוה. די סדר פון מענטשן איז אוועק צו לויפן פון חסרונות, מ'איז פאר חלש'ט פטור צו ווערן פון אלע חסרונות, אבער משה רבינו לערנט אונז אנדערשט אויס, משה רבינו לערנט אונז צו 'עפרישיעטן' די חסרונות, ווייל זיי ברענגן דיך צו ענוה.

די חז"ל זאגן אז משה רבינו האט זיך אפגעבריט די מויל אלץ קליין קינד, דאס הייסט אז בערך ביי די זמן וואס מ'הייבט אָן צו רעדן, איז אים געשען די שרעקליכע זאך אז ער האט זיך אפגעבריט, און ס'איז נישט קלאר וויאזוי דאס האט עפעקט משה רבינו, צו ס'איז אים ממש געבליבן א מום בגלוי, אדער דאס איז געווען א נפשיות'דיגע זאך פון די טראמע וואס ער איז אדורך, ס'איז נישט קלאר וואס די מעשה איז געווען, און בכלל איז א פחד צו רעדן וועגן משה רבינו, אבער דאס איז וואס דער כתב סופר זאגט אז דאס האט אים געברענגט שפלות, די שוועריגקייטן וואס ער האט געהאט מיטן דיבור.

ס'איז באקאנט וואס דער דרשות הר"ן (דרוש החמישי) וואס זאגט אז דאס איז געווען אזוי מן השמים, אז משה רבינו זאל נישט האבן די כח הדיבור, כדי מ'זאל נישט זאגן אז מיט זיין כח הדיבור האט ער געכאפט דעם עולם, מ'זאל וויסן אז משה רבינו איז א שליח מן השמים. יעדער זאל וויסן אז משה רבינו מצד עצמו האט נישט געהאט די כוחות פאר דעם, דער אייבישטער האט אים געהאלפן אויף דעם מיט א כח עליון, ס'האט גארניטש מיט משה ס'איז כביכול דער אייבישטער אליינס.

## עשית למשה בעל מום

די מפרשים רעדן ארום צו 'כבד פה וכבד לשון' הייסט א 'בעל מום', און זיי זאגן אז עס קען נישט זיין אז משה רבינו איז געווען בגדר 'בעל מום', ווייל משה רבינו איז דאך געווען דער ראש הסנהדרין, און אין די סנהדרין טארן דאך נישט זיין קיין 'בעלי מומים'. אויך אין גמרא איז דא כמה פעמים א אויסדריק 'אם כן עשית למשה בעל מום', ס'איז געווען א דבר פשוט פאר די גמרא אז משה איז נישט געווען קיין 'בעל מום'.

לויט ווי מ'האט פריער געשמועס אז משה רבינו האט נישט געהאט קיין מום בגלוי, ס'איז נאר געווען א כבידות אין זיין מויל און אין זיין שפראך, פארשטייט מען אז ער איז נישט געווען קיין 'בעל מום', ווייל ס'איז מבואר ביי די מומין פון קרבנות און ביי די מומין פון די כהנים, אז די גדר פון א 'בעל מום' איז נאר 'מומין שבגלוי', און איינער וואס רעדט נישט אזוי גוט, איינער וואס איז א 'כבד פה וכבד לשון', איז זוכער נישט קיין 'מומין שבגלוי'.

איינער וואס איז נישט אזא גוטע 'בעל דרשן', ווערט נישט מיט דעם קיין 'בעל מום', רוב וועלט זענען נישט קיינע רעדנערס, נאר פאר משה רבינו וואס ער האט געדארפט זיין דער 'נביא', פאר אים איז דאס געווען א פראבלעם, נישט קענען גוט רעדן איז א סתירה צו די פאסטן פון א 'נביא'.

פון דא און ווייטער טרעפט מען שוין נישט ביי משה רבינו אז ער זאל האבן א פראבלעם פון 'כבד פה וכבד לשון', ס'איז דא וואס זאגן אז ביי 'מתן תורה' איז ער געווארן אויסגעהיילט, צוזאמען מיט אלע חולים, אבער פשוט איז דאס גופא אז דער אייבישטער האט אים געזאגט 'איך וועל זיין מיט דיר, איך וועל זיין מיט דיין רעדן', וואס מיט דעם אליינס איז ער שוין געווארן אויסגעהיילט, אז דער אייבישטער איז מיט אים איז שוין נישט דא די אלע פראבלעמען.

**ישמח לב מבקשי ה'**
לשמחת הציבור
יצא לאור הספר החדש
**צום פינטל**
**שמות תשפג**
ס'וועט זיין צו באקומען די ספר
אין די ספרים געשעפטן אין
מאנסי בעזה"י.
לקבל הספר במעיל יש לשלוח
בקשה להאדרעס:
shalomlangs@gmail.com

# פרשה



ארבעטערס זענען מכיר טובה פארן בעל הבית, אבער זיי האבן אויך אסאך טענות, און צומאל טראכט דער ארבעטער פארוואס זאל איך אים מכיר טוב זיין, אפשר זאל ער מיר מכיר טוב זיין, אפשר זאל ער אביסל מער עפרישיעטן אז ער האט אזא געטרייע ארבעטער. אבער דער אמת איז אז א מענטש דארף צוטיילן די זאך, די טענות און תביעות וואס ער האט אויף יענעם דאס איז איין זאך, און די הכרת הטוב דאס איז א צווייטע זאך, ס'דארף נישט זיין קיין סתירה.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**
**אויף אידיש 1,**
**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות |
**9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** הצגות
**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

**אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**
**או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,**
**נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com**

עיצוב: י.ב. 972-50-413-8477+